# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Dos karge baḥur'l miṭ nokh fiyer naye folḳs lieder

**Linetzky, Isaac Joel**

**Ṿarsha, 662 = 1902**

דְנײַרְפ רֶתֶמֶא ןײַא


urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12853



Visual Library

# אַיין אֱמֶתֶר פְרַיינְד

1.

אִיר מוּזְט הָאבֶּען אַ יְדִיעָה,
וִויא סֶע טַאכְט זִיךְ אַמָאהְל אִין דֶער וָועלְט.
מֶען פָארְט אַבִּיטֶערֶע נְסִיעָה.
אִין רֶעגֶען, שְׁנֵייא אוּנ קֶעלְט.

2.

פַארְפְרוֹרֶען, צוּ בְּרָאכֶען, מִיעד.
אִינֶעם לֶעבֶּען כִּמְעַט פַארְגֶעסֶען.
אוּנ אַז סֶע קוּמְט אָן דֶער אַפֶּעטִיט.
אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ עֶסֶען.

3.

זִיךְ הָאבּ מִיךְ פַאפַּדֶעט נָאר מִיאֶוס.
אִיךְ בִּין גְפָארֶען אָן אַ שִׁילִינְגֶער,
סְהֵייסְט אִיךְ בִּין גְגַאנְגֶען צוּ פִיס.
אוּנ בִּין גְשְׁטָארְבֶּען פַאר הִינְגֶער.

4.

בִּיז גָאט הָאט מִיךְ גְבְּרַאכְט.
אִין אַשְׁטָאד פַאר נַאכְט.
הוּנְגֶרִיג פַאר שְׁמַאכְט.
גִיט הַיינְט גְדַאכְט.

5.

סְלָא שִׂמְחָה בִּין אִיהּ צוּגֶר.

גְלוֹבְּט אִיז גָאט , אִיךְ בִּין שׁוֹן דָא .
אִיךְ וַואשׁ מִיךְ אָפּ גִיךְ גְשְׁווִינְד .
אוּן טוּה מִיךְ אָן אִין אַגוּטֶער שָׁעָה .

6.

אִיךְ לוֹף צוּ מַיינֶע גוּטֶע בְּרִידֶער־
אַשִׂמְחָה אִיךְ בִּין דָא , אִיךְ ,
אַגִיפִּילְדֶער אַגִירִידֶער .
יֶעדֶער שְׁלֶעפְּט מִיךְ צוּ זִיךְ .

7.

אִיךְ וֶוער נִיט מַאֲרִיךְ זַיין בִּדְרוּשׁ ,
אִיךְ הָאבּ בַּא זֵייא פִיל גְגָאסֶען ,
הַיינוּ אוּנ פִּיסְקִיל אַקִישׁ .
עֵצוֹת , טֵייא אוּנ פַּאפִּירָאסְסֶען .

8.

אִיךְ רֵייכֶער אוּנ טְרִינְק . אוּנ רֵייכֶער ווירְטשׁ ,
דָאם הַארְץ קְלֶעמט , אִיךְ שְׁטַארְבּ שִׁיעֶר .
דֶער מָאגֶען בֶּעט , גוּטֶער בְּרוּדֶער !
גִיבּ מִיר עֶסְסֶען , עֶסְסֶען גִיבּ מִיר .

9.

מְגֶעדְט צוּם טִישׁ , מִיט וַוייבּ אוּנ קִינְד .
אִיךְ זִיץ אוּנ הֶער מֶעסְט גְשְׁמַאק ,
קוּמְט מִיט עֶסְסֶען' עֶסְסְט גִיזוּנְד ,
עֶנְטְוֶוער אִיךְ וְויא אַדוּרַאק .

10.

אִיךְ הָאבּ גְגְלֵייבְּט וִויא אַדוּרַאק .
גוּטֶע בְּרִידֶער לָאזֶען נִיט פַאלְלֶען .
דֶער פַאר הָאבּ אִיךְ גְהַאט דֶעם פֶּסֶק ,
אִיךְ בִּין שְׁעֶר מִיטֶען פָּנִים צוּ דֶער עֶרְד גְפַאלֶען .

11.

וְוִיא אַלֶעכְטִיגֶער שְׁטֶערֶן אִין אַפִינְסְטֶערֶע נַאכְט .
הָאט מִיר צוּם גְלִיק אַפְרַיינְד גְשַׁיינְט ,
נִיט מַאסְקִירְט , נִיט גְמַאכְט .
נָאר פָּשׁוּט אַפְרַיינְד , אַיין אֶמֶתֶר פְרַיינְד .

12.

לָאזֶען זֵייא גֶעהֶן צוּם גוּטֶען יָאהר ,
גִינוּג גְיפַּאסְט--זָאגְט עֶר--גִינוּג גְילִיטֶען ,
אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹן גִיקְרִיגֶען קֶערְבְּלִיךְ אַפָּאר .
אוּנ פַארְזָארְגְט אַמִיטָאג אַנוּטֶען .

13.

עֶר הָאט מִיךְ פַארְפִיהֶרְט גַאנְץ גְשְׁוִוינְד ,
אוּנ הָאט מִיר גְגֶעבֶּען צוּ טְרִינְקֶען צוּ עֶסְסֶען—
אִיךְ ווִינְשׁ אִים לֶעבֶּען , גְלִיק , גִיזוּנְד ,
אִיךְ וֶועל עֶס אִים אֵייבִּג נִיט פַאר גֶעסְסֶען .

14.

נָאר אָן גְפִילְדֶער , גָאר אָן גִירִידֶער .
הָאט עֶר מִיךְ מַמֶשׁ מְחַיֶה גְוֶוען .
אִיךְ וָואלְט אִים אוּם גְקִישְׁט אַלֶע גְלִידֶער !
נָאר דֶער גוּטֶער פְרַיינְד בִּין אִיךְ טַאקִי אַלֵיין .